גייט ווייטער אָן מיט אייער אַרבעט. איר טוט אַ גרויסע זאַך נישט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר ווי היטער פון דער מויער ביז דער אָנגריף־שטורעם וועט פאַרביי און ביז די צעשטערער וועלן באַגרייפן זייער שעדלעכע אַרבעט און זי אָפּשטעלן, און אפשר אויך צוהעלפן אָפּבויען וואָס זיי האָבן באַוויזן צו צעשטערן.

אייער יום־טוב איז מיין יום־טוב און איך בעט דעם וואָס וועט איבער־לייענען מיינע פאַר ווערטער, ער זאָל פאַר מיינעטוועגן אויסטרינקען מיט אייך אַ לחיים, מיר זאָלן זוכה זיין צו פייערן „קדימה" 70 יאָר און 75 יאָר און וואָס ווייטער אַלץ בעסער.

תמיד אייערער און מיט אייך מ. צאַנין

---

מענדל מאַן, פּאַריז

יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה", מעלבורן, אויסטראַליע

טייערע פריינד,

עס איז אַ פרייד פאַר מיר צו באַגריסן אייך צו דעם צוויפאַכיקן יום־טוב — 60 יאָר „קדימה" און חנוכת־הבית פון דער נייער געביידע.

מיט באַוואונדערונג, מיט דרך־ארץ, מיט טיפן גלויבן אין דער הייליקער שליחות פון יידישן וואָרט און יידישן אות און דער זיכערקייט פון דער אייביקייט פון דער יידישער גייסטיקייט, שיק איך צו אייך די געפילן פון אָנערקענונג און דאַנקשאַפט פאַר אַלע וועלכע טוען די הייליקע אַרבעט. זאָלן געבענטשט זיין זייערע הענט. אייער מענדל מאַן

יידישער קולטור-פאַרבאַנד „איקוף", ניו-יאָרק

יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה",

חשובע פריינד,

צו דער פייערונג פון 60 יאָר „קדימה": טייערע פריינד, טוער און בויער פון אונדזער יידישער פאָלקס־קולטור.

דער איקוף פרעזידיום און די רעדאַקציע „יידישע קולטור" שיקן אייך איבער אונדזערע פריינדלעכע קאָלעגיאַלע באַגריסונג מיט די בעסטע ברכות פאַר דערפאָלג אין אייערע טעטיקייטן אויף אַלע געביטן.

די אָפּגעגאַנגענע 60 יאָר האָבן אַריינגעשריבן אַ זייער וויכטיקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און פון דער וועלט. גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, טראַגישע און אפילו קאַטאַסטראָפאַלע, אין וועלכע אונדזער פאָלק האָט געליטן און פאַרלוירן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק אין גשמיות און אין רוחניות, פיזיש און גייסטיק. אין די זעלבע יאָרן אויך מקוים געוואָרן פאַר אונדזער פאָלק דער טרוים און די שטרעבונג און אַספּיראַציעס צו זעלבשטענדיקייט ווי אַ פאָלק, בעסער געזאָגט — באַגלייך מיט אַלע פעלקער, די עטאַבלירונג פון מדינת־ישראל.

אונדזער יידישע פאָלקס־קולטור האָט אין משך פון די אָפּגעגאַנגענע זעכציק יאָר דורכגעמאַכט אַן אויפבלי, אַ באַרג־אַרויף און אויך לײדער אַ באַרג־אַראָפּ. מיר מערקן אָבער לעצטנס, אַז עס יוערט, עס רירט זיך, עס ווערט אַנטוויקלט אַ נייער דור, וואָס שטרעבט זיך צו באַקענען נענטער מיט אונדזערע רייכע קולטור-אוצרות. זאָל דאָס אונדז פרייען און דינען ווי אַ דערמוטיקונג אין אונדזער אַרבעט. איר, און מיר אין איקוף, האָבן בייגע־טראָגן צו דעם. מיר ווינטשן אייך דערפאָלג אין דער איצטיקער און קומענדיקער אַרבעט. א. דזשענאָווסקי, גענעראַל־סעקרעטאַר

---

לוי שאַליט, „יידישע צייטונג", יאָהאַנעסבורג.

צו דער פאַרוואַלטונג פון „קדימה", מעלבורן.

ליבהאַרציקע פריינד,

איר האָט פאַרבונדן פרייד מיט טרויער, חורבן מיט בנין. אַזוי איז טאַקע דער גייסטיקער דרך פון יידישן פאָלק דורך אַלע דורות. אין יעדן יום-טוב מוז זיין אויך דער זכור, געדענק די פאַרגאַנגענהייט, פאַרבינדן די פרייד מיט די געוועזענע ליידן, כדי יידישלעך באַזינגען די פרייד. אין אונדזער דור מוז געוויס אַזוי זיין, אַז די דערמאָנונגען זאָלן זיך געפינען בראש שמחתנו, אַדורכגעפלאָכטן אין אונדזער פרייד. ווען איר וואָלט אייער נייעם בנין נישט אָנגערופן בפירוש צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן, וואָלט עס סיי ווי געווען אַזוי; ווייל דאָס וואָס איר טוט איז פאַרבונדן מיטן שענסטן אויסדרוק און זכרון פון פאַרשניטענעם פאָלק אונדזערן אין אייראָפּע.

איך שיק אייך מיינע בעסטע גרוסן, אַז איר זאָלט געפינען פרייד און צופרידנקייט אין דער אַרבעט וואָס איר טוט, אין דעם בנין וואָס איר האָט אויפגעבויט.

במחשבה וועל איך דעם אָוונט פון אייער יום־טוב זיין מיט אייך.

לוי שאַליט.

וואָס האָט באַשעדיקט אייער ביבליאָטעק און גלייך אייך איבערגעשיקט טויזנ־טער יידישע ביכער.

מיר באַגריסן אייך האַרציק, בויער און היטער פון יידישע קולטור־ווערטן. מיר וועלן אייך שטענדיק בייהילפיק זיין אין שטאַרקן פאַרזיכערן אונדזער יידישן גייסטיקן קיום.

מיט בעסטע גרוסן,

י. ט. זוקערמאַן, פרעזידענט, יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט

וולאַדקע מיד, געהילפס עקזעקוטיוו־דירעקטאָר, יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט

---

די צוקונפט, ניו־יאָרק

יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה״, מעלבורן, אויסטראַליע

חשובע פריינד,

מיר פרייען זיך פון דער ווייטנס צוזאַמען מיט אייך ביי דעם גרויסן יום־טוב, וואָס איר פייערט. זעכציק יאָר האַלט אויף די „קדימה״ איר וויכטיקע קולטור־אַרבעט לטובת דער יידישער קולטור און באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו אַנטוויקלען און שטאַרקן יידישע קולטור־ווערטן אין אויסטראַליע.

געבענטשט זאָלן זיין די הענט פון אַלע די, וואָס האָבן געהאָלפן אויס־בויען די נייע „קדימה״־געביידע אין אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים. זאָל אין דעם נייעם בנין אויפלויכטן דער גייסט פון מזרח־איראָפּעאישן יידנטום.

אין נאָמען פון דער רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון דעם עלטסטן רעפּ־רעזענטאַטיוון יידישן זשורנאַל „די צוקונפט״ ווינטשן מיר אייך הצלחה אין אייער אַרבעט.

„די צוקונפט״ איז עלטער פון דער „קדימה״ מיט צוואַנציק יאָר. זי פּייערט איצט איר אַכציק־יאָריקן יובל. די עלטערע שוועסטער „די צוקונפט״ ווינטשט דער יינגערער „קדימה״, אַז אין צוואַנציק יאָר אַרום, ווען „די צוקונפט״ וועט דערגיין צו הונדערט יאָר און די „קדימה״ צו אַכציק — זאָל בליען די יידישע קולטור איבער דער גאַנצער וועלט.

י. הירשהויט, רעדאַקציע־סעקרעטאַר

יוסף גליקסאָן, פאַרוואַלטער

---

„אונזער צייט״, ניו־יאָרק (טעלעגראַמע).

דאַנק פאַר איינלאַדונג צו אייער פייערונג. באַגריסנדיק דעם יום-טוב פון 60 יאָר „קדימה״ ווינטשן מיר אייך פיל דערפאָלג אין דער שווערער אָבער דרינגענד נויטיקער טעטיקייט לטובת יידישער שפּראַך און יידיש־וועלטלעכער קולטור.

„אונזער צייט״

די וויכטיקע אַרבעט און די היפּשע דערגרייכונגען פון אייער אָרגאַניזאַציע זענען גוט באַקאַנט איבער דער גאָרער יידישער וועלט. איר האָט באַוויזן אין אַ קליינעם און יונגן יידישן אימיגראַנטישן ישוב — וואָס איז נאָך דערצו ווייט פּאַרוואָרפן פון די צענטערס פון יידישן קולטור־לעבן — איינצוּוואָרצלען און צו פאַרשפּרייטן אונדזער מזרח־אייראָפּעאישע קולטור־ירושה און צו העלפן זי פאַרוואַנדלען אין אַ לעבעדיקן, שאַפערישן כוח. אייער דינאַמישקייט און אייער איבערגעגעבנקייט צום יידישן קולטור־לעבן האָט איר ווידער אַ מאָל באַוויזן מיט דער גיכקייט וואָס איר האָט צוריק אויפגעבויט אייער צענטער נאָך דער שרפה. מיר זענען צופרידן וואָס מיר האָבן, מיט אונדזער באַשיידענעם צושטייער, געהאָלפן צוריק אויפבויען אייער ביבליאָטעק און מיר זענען ווייטער גרייט אין דעם פּרט אייך צו העלפן.

צו אייער יובל ווינטשן מיר אייך, אַז איר זאָלט זוכה זיין אויך ווייטער — ווי ביז איצט — צו זיין אַ צענטער פון אַ דינאַמיש יידיש קולטור־לעבן אין אויסטראַליע.

מיט פריינדלעכע גרוסן, שמואל לאַפּין, סעקרעטאַר.

---

יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, ניו־יאָרק

יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה״,

מעלבורן, אויסטראַליע

חשובע פריינד,

דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט באַגריסט האַרציק דעם יידישן קולטור־צענטער און די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה״ צו זיין 60־יאָריקן יובל און צו דעם חנוכת־הבית פון דער נייער „קדימה״־געביידע, געווידמעט דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים.

יידישע קולטור־אַרבעט האָט שטענדיק פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין די טעטיקייטן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. אין משך פון אַלע יאָרן פון אונדזער אַרבעט האָבן מיר געהאָלפן בויען און שטאַרקן דעם אויפהאַלט פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס אומעטום וואו יידן האָבן נאָר געוואוינט. דער יידישער קולטור-צענטער „קדימה״ האָט זיך קונה־שם געווען אין דער יידישער וועלט מיט זיין פאַרצווייגטער דערפאָלגרייכער יידישער קולטור־טעטיקייט.

היינט, ווען אַסימילאַציע און גלייכגילטיקייט שוואַכן אָפּ אונדזער קולטור־ירושה, ווען יידיש קולטור־לעבן ווערט געררודפט אין אַ גאַנצער ריי קאָמוניסטישע לענדער, איז ביז גאָר וויכטיק צו היטן און צו שטאַרקן אונדזערע אייגענע קולטור־אינסטיטוציעס.

די געביידע געווידמעט דעם אָנדענק פון זעקס מיליאָן קדושים, וואָס דאַרף זיין דער נייער יידישער קולטור־צענטער אין מעלבורן, איז אַ וויכטיקע פּאָזיציע וועלכע קען באַווירקן אייער יונגן יידישן דור און וועקן ביי אים פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אונדזער פאָלקס־ירושה און פאַר ווייטערדיקן יידישן קיום.

דערפאַר האָבן מיר גלייך געענטפערט אויף אייער רוף נאָך דער שרפה

# באַגריסונגען

## צום 60־יאָריקן יובל פון דער „קדימה" און צום חנוכת הבית פון יידישן קונסט־ און קולטור־צענטער ביי דער „קדימה"

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק.

יידישער קולטור-צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה",
מעלבורן, אויסטראַליע

זייער חשובע פריינד,

די הויפט־פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־קאָנגרעס שיקט איבער די האַרציקסטע ברכות און בעסטע וואונטשן צו דער געלעגנהייט וואָס „קדימה" האָט אויפגעבויט אַ נייע היים פאַר דער יידישער קולטור און פאַרן יידישן וואָרט. מיר פרייען זיך מיט אייך צוזאַמען און האָפן, אַז אייער נייער בנין וועט אייך געבן אַ מעגלעכקייט נאָך מער צו פאַרשטאַרקן אייער ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

דער יידישער קולטור־קאָנגרעס און מיר — זייַנע טוער — פילן זיך ווי מהותנים ביי אייער שמחה. האָבן מיר דאָך במשך פון אַ פערטל יאָר־הונדערט געאַרבעט צו שטאַרקן אונדזער ליטעראַטור, באַרייכערן די פּאָליצעס מיט וואָס מער יידישע ביכער און דערמוטיקן דעם יידישן שרייבער צו זיין שעפעריש אין יידישן לעבן.

מיר שיקן איבער אונדזערע גרוסן צו אַלע טוער און בויער פון „קדימה", צו די לייענער פון אייער ביבליאָטעק און צו די ליבהאָבער פון יידישן וואָרט אין אויסטראַליע.

| פאַרן פרעזידיום: | פאַרן אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט: |
| --- | --- |
| א. אלפערין | ד"ר עזריאל נאַקס, פאָרזיצער |
| ד"ר י. מ. בידערמאַן | חיים בעז, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר |
| שואל גוטמאַן | |
| י. ש. הערץ | |
| ד"ר י. לענדיס | |
| י. מלאָטעק | |
| לעאָן רובינשטיין | |

---

יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט ־ ייוואָ, ניו־יאָרק.

יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה",

טייערע פריינד,

מיר דאַנקען אייך האַרציק פאַר דער פאַרבעטונג אָנטייל צו נעמען אין דער פייערונג לכבוד דעם 60־יאָריקן יובל פון אייער אָרגאַניזאַציע און צום חנוכת־הבית פון אייער נייעם בנין. צום באַדויערן זענען מיר נישט בכוח צו שיקן צו אייך אַ פאָרשטייער, מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט אייסדריקן אייך אונדזער אָנערקענונג שריפטלעך.

# ג ע ש ט אָ ר ב ע נ ע :

מיט טיפן צער און טרויער פאַרצייכענען מיר דעם טויט פון די פאָלגנדיקע „קדימה״־מיטגלידער אין דעם באַריכט־יאָר:

**אפרים אילין** ע״ה

**שמעון ברעט** ע״ה

**אפרים גאָלדהאַמער** ע״ה — געוועזענער „קדימה״־ביבליאָטעקאַר.

**יצחק גרינפעלד** ע״ה

**צבי גערשאָוו** ע״ה אַקטיווער מיטגליד פון דוד הערמאַן טעאַטער און געוועזענער מיטגליד פון „קדימה״-קאָמיטעט.

**דוד דייוויס** ע״ה

**שיינדל לאה זאָנאַבענד** ע״ה

**בינאַ עפּשטיין־זילבערמאַן** ע״ה

**אסתר טאַבאַטשניק** ע״ה — געוועזענע אַקטיווע מיטגלידערין פון „קדימה״־קאָמיטעט און פון דער פרויען־גרופּע ביי דער „קדימה״.

**יעקב טריוואַקס** ע״ה — אַקטיווער קאָמיטעט־מיטגליד פון פּרץ־שול.

**חוה מילעצקי** ע״ה — געוועזענע מיטגלידערין פון דוד הערמאַן טעאַטער.

**יהודה מערסער** ע״ה — געזעלשאפטלעכער טוער, געוועזענער פּרעזידענט פון דעם ציוניסטישן ראַט אין וויקטאָריע.

**לעאָ פינק** ע״ה — קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער, געוועזענער פּרעזידענט פון „קדימה״ און לאַנגיאָריקער מיטגליד פון „קדימה״־עקזעקוטיוו. מיטגרינדער און לאַנגיאָריקער פּרעזידענט פון יידישן הילפס־פאָנד אין מעלבורן.

**נתן פריידענבערג** ע״ה

**נחום פלאָטקין** ע״ה

**דוד קראַס** ע״ה

**אברהם שלום שויץ** ע״ה — קולטור־געזעלשאפטלעכער טוער.

**שלום שוואַרץ** ע״ה — געוועזענער אַקטיווער מיטגליד פון „קדימה״־קאָמיטעט און פון דוד הערמאַן טעאַטער.

**לעאָן שער** ע״ה

כבוד זייער אָנדענק!

43) 26.11.72 פילם „יאַנקל דער שמיד" און קורצע ישראלדיקע פילמען.
44) 3.12.72 פילם „גאָט, מענטש און טייוול" און אַ קורצער ישראל פילם.
45) 3.12.72 אָוונט אויף וועלכן די פריינד י. שער און ח. בראַון האָבן איבערגעגעבן זייערע איינדרוקן פון די באַזוכן אין ישראל און פוילן. פעליעטאָן געלייענט פון ש. טיגעל.
46) 10.12.72 פילם „דער פורים שפּילער" און קורצע ישראלדיקע פילמען.
47) 31.12.72 פילם „די גרינע פעלדער" און קורצע ישראלדיקע פילמען.

## אונטערנעמונגען פון ישראל טעאַטער גרופּע צוזאַמען מיטן דוד הערמאַן טעאַטער

1) 1.4.72 „שלום ישראל" — ערשטע פאָרשטעלונג.
2) 2.4.72 „שלום ישראל" — צווייטע פאָרשטעלונג.
3) 9.4.72 „שלום ישראל" — דריטע פאָרשטעלונג.
4) 3.6.72 „קיינמאָל נישט צו שפּעט" — ערשטע פאָרשטעלונג.
5) 11.6.72 „קיינמאָל נישט צו שפּעט" — צווייטע פאָרשטעלונג.
6) 18.6.72 „קיינמאָל נישט צו שפּעט" — דריטע פאָרשטעלונג.
7) 25.6.72 „קיינמאָל נישט צו שפּעט" — פערטע פאָרשטעלונג.
8) 8.7.72 „געשעאָסן און געטראָפן" — ערשטע פאָרשטעלונג.
9) 9.7.72 „געשעאָסן און געטראָפן" — צווייטע פאָרשטעלונג.
10) 16.7.72 „געשעאָסן און געטראָפן" — דריטע פאָרשטעלונג.
11) 22.7.72 „געשעאָסן און געטראָפן" — פערטע פאָרשטעלונג.
12) 20.8.72 מוזיקאַלישע רעוויע.

---


## פאַראייביקט דעם אָנדענק פון אייערע נאָענטסטע

איצט האָט איר אַ געלעגנהייט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אייערע נאָענטסטע און טייערסטע דורך אויפשרייבן זייערע נעמען אויף אַ ספּעציעלן אָנדענק-טאָוול, וואָס געפינט זיך ביי דער יזכור-וואַנט אין דער נייער „קדימה"-געביידע.

פאַרשטענדיקט זיך וועגן דעם מיט די מיטגלידער פון „קדימה"-קאָמיטעט אָדער מיט דעם סעקרעטאַריאַט פון „קדימה", טעלעפאָן: 1165-53.

29) 23.7.72 קאָנצערט פון קינסטלערישן וואָרט פון דינה האַלפּערן פון שיקאַגאָ, אַמעריקע. אַריינפיר־וואָרט: ס. בורשטין. נאָכן קאָנ־צערט אַ „גלעזל טיי" אין „קדימה"־רעסטאָראַן צו געזעגענען די אַרטיסטין און איר מאַן. רעדנער: י. אָרבאַך, ש. טיגעל, י. קאַהאַן, י. שער און רחל האַלצער.

30) 30.7.72 פילם „גערא‏ַנגל פאַרן קיום" און קורצע פילמען.

31) 6.8.72 פילם „געראַנגל פאַרן קיום" און קורצע פילמען.

32) 13.8.72 פילם „געראַנגל פאַרן קיום" און קורצע פילמען.

33) 20.8.72 קבלת־פּנים פאַר דער דיכטערין און נאָוועליסטין פון קאַנאַדע, חוה ראָזענפאַרב. אָפּשאַצונג: י. קאַהאַן. אַ דאַנק־וואָרט: י. אָר־באַך. פאָרזיצער: ל. פרידמאַן.

34) 10.9.72 טרויער־אָוונט צום אָנדענק פון די אַקטיווע טעאַטער־טוער, שלום שוואַרץ ע"ה און צבי גערשאָוו ע"ה, איינגעאָרדנט צו־זאַמען מיטן דוד הערמאַן טעאַטער. רעדנער: י. אָרבאַך, ש. טיגעל, ל. פרידמאַן, י. שער. רעציטאַציעס: רחל בעקער.

35) 24.9.72 רעפעראַט פון ד"ר אלכסנדר ראָזענפעלד פון ישראל אר"ט: „דאָס יידישע פאָלק צווישן גלויבן און סקעפּטיציזם". פאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.

36) 15.10.72 אָנדענק־אָוונט צו דער 20־טער יאָרצייט נאָך די אומגעבראַכטע סאָוויעטיש־יידישע שרייבער און אַרטיסטן. רעדנער: י. גילי־גיטש, י. לעווין, ל. פרידמאַן און י. קאַהאַן. אַרטיסטישער פּראָגראַם: רחל פּאָדעמסקי און נתן אייכענבוים מיט מרים ראָכלין ביי דער פּיאַנאָ; רעציטאַציעס פון קינדער פון די יידישע שולן.

37) 22.10.72 פילם „יידל מיטן פידל" און קורצע ישראלדיקע פילמען.

38) 23.10.72 שלושים־אָוונט נאָך לעאָ פינק ע"ה אין „קיו־צענטער", איינ־געאָרדנט צוזאַמען מיטן יידישן הילפס־פאַנד. רעדנער: ס. בורשטין, וו. ליפּמאַן און א. מייזעל. „אל מלא רחמים" — הרב י. שרייבער.

39) 29.10.72 פילם „יידל מיטן פידל" און קורצע ישראלדיקע פילמען.

40) 5.11.72 פילם „איך האָב געגרן מייקן" און קורצע ישראלדיקע פילמען.

41) 12.11.72 25 יאָר יובל־קאָנצערט פון „הזמיר"־כאָר. דיריגענט: ב. קאַלו-שינער. פּיאַנאָ־אַקאָמפּאַנימענט: מרים ראָכלין. געסט-אַרטיסטן: דאָנאַלד סקאָט (פידל) און נחמה פאַטקין (פּיאַנאָ).

42) 18.11.72 חנוכת־הבית פון יידישן קונסט־ און קולטור־צענטער און די פייערונג פון 60־יאָריקן „קדימה"־יובל. רעדנער: ס. בורשטין. באַגריסונגען: וו. ליפּמאַן („באָרד אָף דעפּיוטיס"); פרוי מינאַ פינק; י. סאָלוויי (ציוניסטישער ראַט); ה. באַכראַך („בונד"); מ. לעווי („פּועלי־ציון"); פּ. רינגעלבלום (יידישע שולן); י. לעווי־טאַן (פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן); וו. יאַבלאָנסקי (קאַצעטלער־פאַרבאַנד).

10.4.72 (18 פייערלעכע אַקאַדעמיע צום 29־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, איינגעאָרדנט אין דאַלאַס ברוקס האָל, צו־זאַמען מיט דעם „באָרד אָף דעפּיוטיס" און מיט דער באַטייליקונג פון ציוניסטישן ראַט, קאַצעטלער־פאַרבאַנד, פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, פאַרבאַנד פון געוועזענע יידישע זעלנער, בני ברית, יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אָרטאָדאָקסישע און ליבעראַלע שולן. רעדנער: מרדכי צאַנין פון ישראל; פּראָפ. ב. מאָנד; ה. קופער, יוגנט־רעדנער; א. סאָקאָלאָוויטש, קאַצעטלער־פאַרבאַנד. „אל מלא רחמים" און „קדיש": חזן א. אַדלער. פאָרזיצער: פרעזידענט פון „באָרד אָף דעפּיוטיס" וו. ליפּמאַן. אַרטיסטישער טייל: „הזמיר"־כאָר; כאָר פון הר־הצופים שול; דראַמאַטיזאַציע פון שילער פון דער שלום עליכם שול. ביי דער פּיאַנאָ מ. ראָכלין.

16.4.72 (19 רעפעראַט פון מרדכי צאַנין אד"ט: „די עליה פון סאָוויעט־רוסלאַנד און דער פּלאַץ וואָס דער יידישער שרייבער פאַרנעמט אין איר". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

20.4.72 (30 רעפעראַט פון מרדכי צאַנין אד"ט: „דער חשבון־הנפש פון הונ־דערט יאָר יידישע ליטעראַטור". פאָרזיצער: צ. באָרענשטיין.

25.4.72 (21 רעפעראַט פון מרדכי צאַנין אד"ט: „סאָציאַליזם און ווירק־לעכקייט אין ישראל". פאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.

30.4.72 (22 רעפעראַט פון מרדכי צאַנין אד"ט: „יידישע און העברעאישע ליטעראַטור אין ישראל". פאָרזיצער: י. שער.

3.5.72 (23 רעפעראַט פון מרדכי צאַנין אד"ט: „פון פאָלק צו שבטים". פאָרזיצער: מ. אייזענבוד..

10.5.72 (24 רעפעראַט פון ד"ר שמואל פיסאַר פון פּאַריז אד"ט: „מיטן וואָפן פון שלום". איינגעאָרדנט דורך דעם „באָרד אָף דעפּיוטיס" און דער „קדימה". אַריינפיר־וואָרט: ס. בורשטין. פאָרזיצער: ש. וואָלסקי.

10.5.72 (25 רעפעראַט פון מרדכי צאַנין אד"ט: „די ירושה פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום אָן אַ יורש". פאָרזיצער: וו. יאַבלאָנסקי.

14.5.72 (26 רעפעראַט פון מרדכי צאַנין אד"ט: „ישראל ווי אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר קולטור און ציוויליזאַציע". פאָרזיצער: ס. בורשטין.
נאָכן רעפעראַט אַ „גלעזל טיי" צו געזעגענען די פריינד מ. צאַנין און פרוי. רעדנער: י. אָרבאַך, י. גיליגיטש, ל. פרידמאַן און י. קאַהאַן.

2.7.72 (27 פילם „משה איירקאָנדישאָן" און קורצע ישראלדיקע פילמען.

16.7.72 (28 „לעבעדיקע צייטונג". אָנטיילנעמער: מ. אייזענבוד, י. אָרבאַך, ה. באַכראַך, צ. באָרענשטיין, ס. בורשטין, ח. בראַון, ל. גאָטליב, וו. יאַבלאָנסקי, י. לעווין, י. סאָלוויי, ל. פרידמאַן, י. קאַהאַן.

## „קדימה"־אונטערנעמונגען אין 1972

1) 2.1.72 פילם „דעם חזנס זון" און קורצע ישראלדיקע פילמען.
2) 9.1.72 פילם „דעם חזנס זון" און קורצע ישראלדיקע פילמען.
3) 16.1.72 פילם „דעם חזנס זון" און קורצע ישראלדיקע פילמען.
4) 23.1.72 פילם „איך האָב געגרן מייקן" און „סיני".
5) 30.1.72 פילמען „איך האָב גערן מייקן" און „סיני".
6) 6.2.72 פילמען „איך האָב גערן מייקן" און „סיני".
7) 13.2.72 פילם „דאָס לעבן פון דוד בן־גוריון".
8) 20.2.72 פילם „דאָס לעבן פון דוד בן־גוריון".
9) 27.2.72 פילם „דאָס לעבן פון דוד בן־גוריון".

10) 27.2.72 אַנטהילונג פון דעם טאָוול דורך דעם פּרעזידענט פון „קדימה" פריינד סענדער בורשטין אויף דער נייער „קדימה"־געביידע, דעם יידישן קונסט־ און קולטור־צענטער. דער טאָוול ווידמעט די געביידע צום אָנדענק פון אונדזערע קדושים, אומגעבראַכטע אין די יאָרן 1939־1945 דורך די נאַציס און זייערע אַרויס־העלפער. רעדנער: וו. ליפמאַן (פּרעזידענט פון „באָרד אָף דעפּיוטיס"); י. גיליגיטש (יידישע שולן אין מעלבורן); ר. זאַבלוד (פּרעזידענט פון ציוניסטישן ראַט); ב. ווינער (י וואַקס קולטור־הויז); נ. לייט (וויצע־פּרעזידענט פון קאַצעטלער־פאַר־באַנד); ב. פאַטקין (ברית עברית עולמית); י. לעווויטאַן (פּרע־זידענט פון דער פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן).

11) 5.3.72 פילם „דאָס לעבן פון דוד בן-גוריון".

12) 5.3.72 אָוונט צום דערשיינען פון י. קאַהאַנס בוך „אויפן צעשיידוועג". רעדנער: ל. פרידמאַן, י. גיליגיטש. גאַסט־אַרטיסט: דרור האלעי.

13) 12.3.72 פילם „משה איירקאָנדישאָן" און קורצע ישראלדיקע פילמען.

14) 19.3.72 60־טע יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

15) 26.3.72 פילם „משה איירקאָנדישאָן" און קורצע ישראלדיקע פילמען.

16) 8.4.72 פייערלעכע דערעפענונג פון „קדימה"־יובל־יאָר מיטן אָנטייל פון גאַסט־רעדנער פון ישראל, דעם רעדאַקטאָר מרדכי צאַנין. אַריינפיר־וואָרט — ס. בורשטין. אַרטיסטישער פּראָגראַם אָנ־געפירט דורך יאַשאַ שער: סאָליסטן פון „הזמיר"־כאָר, דעני קליינמאַן, סילוויאַ פּאָרטעק און רחל פּאָדעמסקי, אַראַנזשירט דורך ב. קאַלושינער מיט מרים ראַכלין ביי דער פּיאַנאָ; לאה צוקער און מאיר צעפּראָוו פון דוד הערמאַן טעאַטער קרייז; לידער פון דער „מגילה", געזונגען דורך שילער פון די יידישע שולן אונטער דער רעזשי פון פייגל מאָקאָטאָוו.

17) 9.4.72 הזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים אויפן קאַרלטאָנער בית־עולם אין שייכות מיטן 29־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. רעדנער: מרדכי צאַנין פון ישראל, וו. ליפמאַן. „אל מלא רחמים" און „קדיש": חזן א. אַדלער.

זאַל איז געווען פול. דער רייכער פּראָגראַם פון קאָנצערט האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. סימבאָליש איז געווען דאָס פאַרענדיקן דעם פּראָ־גראַם מיטן ליד „יום העצמאות" צום 25־יאָריקן יובל פון דער יידישער מדינה. די צוויי איינגעלאַדענע געסט־אַרטיסטן — דאָנאַלד סקאָט (פידל) און נחמה פּאַטקין (פּיאַנאָ) האָבן פיל צוגעהאָלפן צום דערפאָלג פון אָוונט.

דער כאָר האָט פאַרענדיקט דעם יובל־יאָר מיט אַן אָוונט אין דער נייער „קדימה"־געביידע דעם 16־טן דעצעמבער 1972. וועגן דער אַרבעט פון כאָר האָבן גערעדט: דער פּאָרזיצער פון כאָר חיים גאָלדבערג, די סעקרעטאַרין פון כאָר פרוי פּעל און דער דיריגענט ב. קאָלושינער. דער פּרעזידענט פון „קדימה" פריינד סענדער בורשטין האָט באַגריסט דעם כאָר אין נאָמען פון „קדימה"־קאָמיטעט. די סאָליסטן פון כאָר האָבן געזונגען און דער עולם האָט זיך פאַרווײַלט ביי די קלאַנגען פון טאַנץ־מוזיק.

אויסער די כאָר־אויפטריטן, האָבן די סאָליסטן פון כאָר: סילוויאַ פּאָרטעק, רחל פּאָדעמסקי, דעני קליינמאַן און נתן אייכענבוים אָנטייל גענומען אין דער פייערלעכער דערעפענונג פון „קדימה"־יובל־יאָר, אין דעם אָנדענק־אָוונט צו דער 20־טער יאָרצייט פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אין דעם חנוכת־הבית פון דער נייער „קדימה"־געביידע.

דער כאָר גרייט איצט אַ פּלאַטע פון די געזונגענע דורך אים לידער.

דער כאָר דריקט אויס ביי דער געלעגנהייט אַ האַרציקן דאַנק דער „קדימה" פאַר איר פינאַנסיעלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער הילף, און דער טורעק־שול — פאַר דערמעגלעכן אָפּצוהאַלטן דאָרט די פּראָבעס. אַ באַזונדערן דאַנק קומט דעם סעקרעטאַר פון דער שול, מר. הענרי פרידמאַן, פאַר זיין כסדרדיקער הילף.

דער קאָמיטעט פון כאָר איז באַשטאַנען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר פון די פאָלגנדיקע מיטגלידער: אַ. באַכראַך, ב. בענעש, וו. קרעפּ, ס. און ש. פּעל, י. פּאַוו, א. מאָשעל, ס. שלאַמאָוויטש. דער פאָרזיצער פון כאָר איז פריינד ח. גאָלדבערג.

---

## ווערט מיטגלידער פון „הזמיר"־כאָר

דער „הזמיר"־כאָר רופט אַלעמען, וועמען עס איז ליב דאָס יידישע און העברעאישע ליד, און וואָס ווילן און קענען זינגען, צו פאַרשרייבן זיך אַלס מיטגלידער אין דעם כאָר.

אַפּליקאַנטן קענען קומען צו די פּראָבעס יעדן דינסטיק אָוונט אין קאָמונאַל האָל פון דער טורעק־שול, אָדער פאַרשטענדיקן זיך טעלעפאָניש מיטן פאָרזיצער פון כאָר, פריינד ח. גאָלדבערג: טעל. 1829־52

פּאָר ישראל־אַרטיסטן, וואָס דאַרפֿן קומען אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 1973.

מיטגלידער פֿון טעאַטער האָבן אָנטייל גענומען אין דער דערעפֿענונג פֿון „קדימה"־יובל־יאָר, ווי אויך אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע אונטערנע־מונגען, איינגעאָרדנט דורך דער „קדימה" און אויך דורך אַנדערע אינסטי־טוציעס. די צוגרייטונגס־אַרבעט פֿון דער טעאַטער־גרופּע איז אַריבער־געטראָגן געוואָרן אינעם שיינעם און באַקוועמען לאָקאַל פֿון דער נייער „קדימה".

אַ גרויסן קלאַפּ האָט די טעאַטער־גרופּע באַקומען מיטן טויט פֿון אונדזערע אַקטיווע מיטגלידער צבי גערשאָוו און שלום שוואַרץ. אַ ספּע־ציעלער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן צו זייער אָנדענק. זייערע נעמען, ווי אויך די נעמען פֿון די פֿריער פֿאַרשטאָרבענע טעאַטער מיטגלידער וועלן פֿאַראייביקט ווערן אינעם נייעם „קדימה"־בנין.

דער קאָמיטעט באַשטייט פֿון די ח"ח: ט. גינטער, ר. לעוויטאַ, ל. צוקער, י. מילכמאַן, מ. צעפּראָוו, ש. טיגעל און י. שער.

## באַריכט פֿון „הזמיר"־כאָר

1972 איז געווען פֿאַרן „הזמיר"־כאָר אַ יובל־יאָר. מיט 25 יאָר צוריק האָט אַ גרופּע ענטוזיאַסטן און פֿאַרערער פֿון יידישן און העברעאישן ליד געגרינדעט דעם יידישן מענער-כאָר אין מעלבורן, וואָס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט אין דעם „הזמיר"־כאָר. דער כאָר האָט געהאַט פֿאַרשידענע פּעריאָדן פֿון אויפֿבלי און פּעריאָדן פֿון סטאַגנאַציע, אָבער אין משך פֿון דער גאַנצער צייט פֿון זיין עקזיסטענץ האָט ער דערפֿילט זיין אויפֿגאַבע פֿון אויפֿהאַלטן און פּלעגן דאָס יידישע און העברעאישע ליד אין אונדזער ישוב.

אין 1972 האָט דער כאָר, אונטער דער מוזיקאַלישער לייטונג פֿון דיריגענט ב. קאַלושינער און מיט דער באַטייליקונג פֿון דער פּיאַניסטין מ. ראָכלין, אָפּגעגעבן פֿיל צייט און מי צו מאַכן די אַרויסטריטן פֿון דעם כאָר אין דעם יובל־יאָר וואָס שענער און אימפּאָזאַנטער. עס זענען פֿאָרגעקומען אין משך פֿון דעם יאָר 52 פּראָבעס. דער כאָר איז אַרויסגעטראָטן אויף דער אַקאַדעמיע געווידמעט דעם 29־טן יאָרטאָג פֿון וואַרשעווער געטאָ. עס איז געווען אַ געלונגענער אַרויסטריט. דאָס האָט אויך באַשטעטיקט דער קאָמ־פּאָזיטאָר יעקב דאַווידזאָן פֿון אַמעריקע, וועלכער האָט זיך דאַן געפֿונען אויף אַ באַזוך אין מעלבורן. דער כאָר איז אַרויסגעטראָטן אין דער מאָנטעפֿיאָרע־היים, פֿאַרשאַפֿנדיק גרויס פֿאַרגעניגן די אַלטע לייט, וואָס בענקען נאָך אַ יידיש און העברעאיש ליד.

דעם 3־טן סעפּטעמבער 1972 האָט דער כאָר געזונגען אויף דער פֿייערונג צום אָנדענק פֿון ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק אין קאָפּין־האָל. דער אַרויסטריט פֿון דעם כאָר האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די צוהערער.

דער יובל־קאָנצערט פֿון כאָר, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין „קדימה"־טעאַ־טער דעם 12־טן נאָוועמבער 1972, האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן דערפֿאָלג. דער

יאָר — די דערפּענונג פון יובל־יאָר און די אייגנטלעכע פייערונג פון 60־יאָריקן יובל צוזאַמען מיטן חנוכת־הבית פון דער נייער „קדימה״־געביידע.

אויך אין דעם פאַרגאַנגענעם יאר איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע צום יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. די אַקאַדעמיע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דאַלאַס ברוקס זאַל דורך דער „קדימה״ און דעם „באָרד אָף דעפּיוטיס״, צוזאַמען מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שלושים־אָוונט, צוזאַמען מיטן יידישן הילפס־פאָנד, נאָך דעם פאַרדינסטפולן קולטור־געזעלשאַפטלעכן טוער לעאָ פינק ע״ה.

עס איז פאָרגעקומען אַן אָוונט, איינגעאָרדנט דורך דעם דוד הערמאַן טעאַטער און דער „קדימה״, צום אָנדענק פון שלום שוואַרץ ע״ה און צבי גערשאָוו ע״ה, געוועזענע אַקטיווע מיטגלידער פון „קדימה״־קאָמיטעט און אַקטיווע מיטגלידער פון דער טעאַטער־גרופּע.

עס זענען געוויזן געוואָרן אַ גאַנצע ריי יידישע און ישראלדיקע פילמען.

## דאַנק־אויסדרוקן

דער קאָמיטעט דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק און אָנערקענונג דעם פריינד י. אַקנאַ, לל.ב. — ערן־אַדוואָקאַט פון דער „קדימה״ — פאַר זיין פרייוויליקער און איבעריגעגעבענער אַרבעט ביים דערליידיקן די יורידישע ענינים פון דער אינסטיטוציע; די „יידישע נייעס״ און „דזשואיש ניוס״ פאַר אָפּגעבן פלאַץ פאַר די נאָטיצן און באַריכטן פון דער „קדימה״; דער פרויען־גרופּע ביי דער „קדימה״ פאַר אָפּגעבן צייט און מי אויף איינצואָרדענען און פאַרשענערן די „קדימה״־אונטערנעמונגען.

---

## באַריכט פון דוד הערמאַן־טעאַטער

דער טעאַטער־סעזאָן אין 1972 האָט זיך אָנגעהויבן מיט די גאַסטשפּילן פון אַ גרופּע ישראל־אַרטיסטן: מנשה וואַרשאַווסקי, לאָלאַ שיינפעלד, נתן שפּירא און מרים זאַמן. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אַ רעוויו־פאָרשטעלונג „שלום ישראל״, נאָך דעם אויפגעפירט א. פאַרטאַקס קאָמעדיע „קיינמאָל נישט צו שפּעט״ און פאַרענדיקט מיט דער רעוויו־פאָרשטעלונג „געשאַסן און געטראָפן״. די צוויי לעצטע אויפפירונגען זענען געווען מיטן אָנטייל פון מיטגלידער פון דוד הערמאַן טעאַטער. די פאָרשטעלונג איז אויך אויפגעפירט געוואָרן אין סידנעי.

אַ יום־טובדיקייט האָט אַריינגעבראַכט דינה האַלפּערנס איינציקער אויפטריט אין „קדימה״ בעת איר קורצן באַזוך ביי אונדז אין שטאָט. זי האָט צוגעזאָגט ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט מיטצואַרבעטן מיטן דוד הערמאַן טעאַטער.

דער דוד הערמאַן טעאַטער גרייט איצט מיט דער קינסטלערין רחל האָלצער די ישראל־פּיעסע „משפחה כהנא״, וואָס דאַרף עפענען דעם סעזאָן אין 1973. די פּיעסע וועט געשטעלט ווערן כדי אָפּצוצייכענען דעם 25־יאָריקן יובל פון מדינת ישראל. מיר שטייען אויך אין פאַרבינדונג מיט אַ

„קדימה" 1,306 מיטגלידער. אַ גרויסע צאָל מיטגלידער איז נאָך שולדיק מיטגליד־אָפּצאָל פאַרן יאָר 1971. דער קאָמיטעט אַפּעלירט צו זיי אָריינצו־שיקן זייער מיטגליד־אָפּצאָל (5 דאָלאַר פון אַ מאַן און 2.50 פון אַ פרוי) אין סעקרעטאַריאַט פון „קדימה".

## קולטור־טעטיקייט

אין 1972 זענען פאָרגעקומען העכער 40 אונטערנעמונגען. עס זענען געהאַלטן געוואָרן 9 רעפעראַטן, פון דעם 7 רעפעראַטן דורך מרדכי צאַנין פון ישראל. ער האָט גערעדט אויף די פאָלגנדיקע טעמעס: „די עליה פון סאָוויעט־רוסלאַנד און דער פּלאַץ וואָס דער יידישער שרייבער פאַרנעמט אין איר"; „דער חשבון הנפש פון הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור"; „סאָציאַליזם אין דער ישראלדיקערווירקלעכקייט"; „יידישע און העברעאישע ליטעראַטור אין ישראל"; „פון פאָלק צוריק צו שבטים (די סעפּאַראַציע פון יידן אין דער היינטיקער וועלט)"; „די ירושה פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום אָן אַ יורש" און „ישראל ווי אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר קולטור און ציוויליזאַציע".

ד"ר שמואל פּיסאַר פון פּאַריז האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אד"ט: „מיטן וואָפן פון שלום" און ד"ר אלכסנדר ראָזענפעלד, פון ישראל, האָט גערעדט אד"ט: „דאָס יידישע פאָלק צווישן גלויבן און סקעפּטיציזם".

עס איז פאָרגעקומען אַן אָוונט צום דערשיינען פון יצחק קאַהאַנס בוך „אויפן צעשיידוועג" מיט אָפּשאַצונגען פון י. גיליגיטש און ל. פרידמאַן.

עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ „לעבעדיקע צייטונג", אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען: מ. אייזענבוד, י. אָרבאַך, ה. באַכראַד, צ. באָרענשטיין, ס. בורשטין, ח. בראַון, ל. גאָטליב, וו. יאַבלאָנסקי, י. לעווין, ל. פרידמאַן, י. סאָלוויי, י. קאַהאַן.

עס איז אָפּגעצייכנט געוואָרן די 20־טע יאָרצייט נאָכן אומברענגען די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער מיטן אָנטייל פון די פריינד: י. אָרבאַך, י. גיליגיטש, י. מ. לעווין, ל. פרידמאַן און י. קאַהאַן, ווי אויך מיט אַן אָנטשפּרעכנ־דיקן אַרטיסטישן פּראָגראַם.

עס איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון „הזמיר"־כאָר צו זיין 25־יאָריקן יובל.

עס איז פאָרגעקומען אַ וואָרט־קאָנצערט פון דער גאַסט־אַרטיסטין פון אַמעריקע, דינה האַלפּערן. נאָכן קאָנצערט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קבלת־פּנים פאַר איר אין רעסטאָראַן פון „קדימה".

די שרייבערין חוה ראָזענפאַרב איז אויפגענומען געוואָרן אין „קדימה" בעת איר באַזוך אין מעלבורן. י. קאַהאַן האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון חוה ראָזענפאַרבס דיכטונג און די שרייבערין האָט גערעדט וועגן זיך און וועגן אירע שאַפונגען אין פּאָעזיע און פּראָזע.

די פריינד ח. בראַון און י. שער האָבן איבערגעגעבן די איינדרוקן פון זייערע רייזעס קיין פּוילן און ישראל. פריינד ש. טיגעל האָט געלייענט אַ פעליעטאָן.

עס זענען פאָרגעקומען צוויי אָוונטן אין שייכות מיטן 60־יאָריקן יובל־

מיטלען. די „קדימה״ האָפט, אַז די טעטיקייט פון דער ניי־געשאַפענער יידישער קולטור־פעדעראַציע, וואָס נעמט אַרום פאַרשטייער פון די פאָלקס־טימלעכע אינסטיטוציעס אין אונדזער ישוב, וועט ברענגען ממשותדיקע רעזולטאַטן.

## קאָמיטעט און עקזעקוטיוו

די לעצטע יערלעכע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער איז פאָרגעקומען דעם 19־טן מערץ 1972 אונטער דעם פאָרזיץ פון פריינד סענדער בורשטין.

אויף דער ערשטער זיצונג פון קאָמיטעט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן עקזעקוטיוו אין פאָלגנדיקן באַשטאַנד: פריינד ס. בורשטין — פרעזידענט; פר׳ י. שער און צ. באָרענשטיין — וויצע־פרעזידענטן; פריינד ב. ווייסמאַן — ערן־קאַסירער; פרוי אַנקע באַכראַך — געהילף פון ערן־קאַסירער; פר׳ ש. גאָלדשטיין — ערן־סעקרעטאַר; פר׳ י. ווינקלער — געהילף פון ערן־סעקרעטאַר; פר׳ י. אָרבאַך איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע.

דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן אין משך פון יאָר 10 זיצונגען מיט דער פאָלגנדיקער באַטייליקונג: י. אָרבאַך, ס. בורשטין, י. לעווין — 10; אַ. באַכראַך, ר. בוט, ל. גאָטליב, י. ווינקלער — 9; מ. אייזענבוד, ש. טיגעל, וו. יאַבלאָנסקי, ה. מיד, ה. ראָזענבוים — 8; צ. באָרענשטיין, ב. ווייסמאַן, ב. ווינער, ש. גאָלדשטיין, ר. לעוויטאַ, י. שער — 7; ש. וואָלסקי — 6; ח. בראַון — 5. די פריינד ח. בראַון און ב. ווינער האָבן דורכגעלאָזן אייניקע זיצונגען פון קאָמיטעט צוליב זייער אָפּוועזנהייט פון מעלבורן.

דער עקזעקוטיוו האָט אָפּגעהאַלטן אין משך פון דער באַריכט־צייט 15 זיצונגען.

די פאָרשטייער פון „קדימה״ אין „באָרד אָף דעפּיוטיס״ זענען געווען: ס. בורשטין, פרוי ל. גאָטליב און ש. וואָלסקי. פאַרטרעטער: וו. יאַבלאָנסקי און ה. מיד.

## סעקרעטאַריאַט און אַדמיניסטראַציע

דער קאָמיטעט דריקט אויס אָנערקענונג דעם סעקרעטאַר פון דער „קדימה״, פריינד ל. פרידמאַן, פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט אין קאָאָפּעראַציע אין אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אינסטיטוציע.

דער קאָמיטעט דריקט אויס זיין צופרידנקייט מיט דער אַרבעט פון ביבליאָטעקאַר, פריינד י. קעסלער, און מיט דער אַרבעט פון פר״ל פייגל מאָקאָטאָוו, וועלכע האָט געהאָלפן קאַטאַלאָגירן די ביכער אין ביבליאָטעק און געטאָן אויך געוויסע אַרבעטן אין סעקרעטאַריאַט.

## באַוועגונג פון מיטגלידער

צו דער פריערדיקער פאַרזאַמלונג האָט די „קדימה״ געציילט 1,332 מיטגלידער. אין משך פון באַריכט־יאָר האָבן 7 מיטגלידער פאַרלאָזן מעלבורן, 19 זענען געשטאָרבן. צו דער איצטיקער פאַרזאַמלונג ציילט די

אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט איבער דעם פערטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך כדי אָפּצוצייכענען דעם 60־יאָריקן יובל פון „קדימה". עס איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ביולעטין א"נ „קדימה"־ידיעות.

* * *

אין 1972 איז אַוועק אין דער אייביקייט דער באַקאַנטער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער לעאָ פינק ע"ה. ער איז געווען לאַנגע יאָרן פאַרבונדן מיט דער „קדימה" און פאַרנומען אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין דער אינסטיטוציע. אַ געוויסע צייט איז ער געווען פרעזידענט פון דער „קדימה".

לעאָ פינק ע"ה האָט אויך געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן גאַנצן היגן יידישן ישוב. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־גרינדער פון יידישן הילפס־פאָנד אין מעלבורן און זיין פרעזידענט אין משך פון לאַנגע יאָרן.

* * *

אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר איז ווייטער אָנגעגאַנגען די עליה פון די סאָוויעטישע יידן קיין ישראל. די „קדימה" באַגריסט דאָס אַרויסלאָזן פון רוסלאַנד די יידן וואָס באַגערן צו באַזעצן זיך אין מדינת ישראל. זי פאָדערט צו באַפרייען פון די תפיסות די יידן, וואָס זענען צוליב דעם „חטא" פון וועלן פאַרלאָזן רוסלאַנד און עולה זיין קיין ישראל, פאַרשפאַרט געוואָרן אין טורמעס און לאַגערן. זי פאָדערט אויך נישט צו שיקאַנירן און פאַרפאָלגן די יידן, וואָס גיבן אָן בקשות אַרויסצופאָרן פון לאַנד.

די „קדימה" האָט פּראָטעסטירט צוזאַמען מיטן גאַנצן היגן ישוב קעגן אויסלייז־געלטער פאַר יידישע אַקאַדעמיקער, וואָס ווילן עולה זיין קיין ישראל. זי האָט געשיקט וועגן דעם טעלעגראַמעס צו דעם סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר אין קאַנבערראַ און צו דעם פרעזידענט פון סאָוויעטישן פּאַרלאַמענט א. פּאָדגאָרני אין קרעמל.

די „קדימה" פאָדערט אויך, ווי זי האָט עס געטאָן אין די פריערדיקע יאָרן, פולע נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און רעליגיעזע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די סאָוויעטישע יידן, זיי זאָלן קענען זיך אויסלעבן דאָרט אַלס יידן אין פולן זין פון דעם וואָרט. דאָס שליסט נישט אויס דאָס רעכט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד פאַר די יידן, וואָס פאַרלאַנגען עס.

די „קדימה" טרויערט צוזאַמען מיט די יידן אין ישראל און איבער דער גאָרער וועלט איף דעם ברוטאַלן טויט פון יידישע ספּאָרטלער בעת דער אָלימפּיאַדע אין מינכען, און איף אַנדערע יידישע קרבנות, וואָס זענען אומגעקומען אין רעזולטאַט פון דעם אַראַבישן טעראָר. די „קדימה" האָפט, אַז אַ שלום וועט דאָך געשלאָסן ווערן צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות און אָנשטאָט זינלאָזע מערדערייען וועט איינגעשטעלט ווערן אַ פרידלעכע צוזאַמענאַרבעט פון אַלע מדינות אין מיטעלן מזרח, וואָס וועט זיין אַ מזל־ברכה פאַר אַלע פעלקער פון דעם ראַיאָן.

* * *

די „קדימה" איז באַזאָרגט מיטן מצב פון יידיש און פון יידישער קולטור אין אונדזער ישוב און רופט אַלע פאָלקסטימלעכע עלעמענטן צו שטאַרקן די מערכה פון יידיש איף אַלע געביטן און מיט אַלע מעגלעכע

טימלעכע שפּראַך און באַזונדערס זיין נישט־קאָנפאָרמיסטישער צוגאַנג צו די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען האָבן געלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די צוהערער.

די שרייבערין חוה ראָזענפאַרב פון קאַנאַדע איז געווען דאָ צו גאַסט אין 1972. זי איז דאָס מאָל געקומען אויף אַ פּריוואַטן באַזוך און האָט נישט גע־האַלטן קיין עפנטלעכע רעפעראַטן (די „קדימה" האָט מיט 5 יאָר צוריק איינ־געלאַדן חוה ראָזענפאַרב אויף אַ ציקל לעקציעס). איר איינציקע רעדע אין „קדימה" אויף דעם קבלת־פּנים־אָוונט איז געווען גאָר דערהויבן און אָריגי־נעל. דער אָוונט וועט לאַנג פאַרבלייבן אין זכרון פון די אָנוועזנדע.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער רעפעראַט פון דעם אָנגעזעענעם אינטערנאַציאָנאַלן יוריסט און עקאָנאָמיסט, ד"ר שמואל פּיסאַר פון פּאַריז. דער רעפעראַט וועגן די פּערספּעקטיוון פון שלום אויף דער וועלט און וועגן אַנדערע אַקטועלע אַלגעמיינע און יידישע ענינים האָט צוגעצויגן אַן עולם פון קרוב צו 600 מענטשן און איז אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס.

עס האָט אויך געגעבן אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט אין „קדימה" דער פּאָרשטייער פון ברית עברית עולמית, ד"ר אַלכסנדר ראָזענפעלד פון ישראל.

א גרויסע איבערלעבונג פאַר די היגע ליבהאָבער פון יידישן קינסטלע־רישן וואָרט איז געווען דער קאָנצערט אין „קדימה" פון דער גאַסט־אַרטיסטין פון אַמעריקע, דינה האַלפּערן.

אין 1972 זענען געקומען קיין מעלבורן אויף אַ באַזוך פון ישראל פיר אַרטיסטן: מנשה וואַרשאַווסקי, נתן שפּירא, לאה שיינפעלד און מרים נאמן. די ישראל־אַרטיסטן האָבן אויפגעפירט עטלעכע רעוויעס און אַ פּיעסע אין „קדימה"־טעאַטער.

דער באַזוך פון די ישראל־אַרטיסטן האָט אויפגעלעבט דאָס היגע יידישע טעאַטער־לעבן. הונדערטער יידן זענען געקומען צו די פאָרשטעלונגען און האָבן הנאה געהאַט פון דעם פריילעכן יידישן וואָרט און פון דעם האַרציקן געזאַנג.

אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר איז די ביבליאָטעק פון „קדימה", וואָס איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך דער שריפה, ווייטער באַרייכערט געוואָרן מיט אַ גרעסערער צאָל ביכער, צוגעשיקט דורך דעם יידישן אַרבע־טער־קאָמיטעט און ייווו"אָ אין ניו־יאָרק. עס זענען אויך געקויפט געוואָרן אַ צאָל ביכער. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט איצט 4500 יידישע ביכער, 850 ענגלישע און 300 העברעאישע ביכער. די צאָל לייענער איז אַרום הונדערט.

עס איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר די אינווענ־טאַריזאַציע פון די ביכער און דאָס קאַטאַלאָגירן זיי לויט די מחברים און באַזונדערע געביטן. אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר איז אויך געעפנט געוואָרן ביי דער ביבליאָטעק אַ לייענזאַל, וואו עס געפינען זיך יידישע, ענגלישע און העברעאישע צייטונגען און זשורנאַלן פון ישראל און פון גאָר דער וועלט.

דער „הזמיר"־כאָר ביי דער „קדימה" האָט הײ־יאָר געפייערט זיין 25־יאָריקן יובל מיט אַ געלונגענעם קאָנצערט. עס ווערט אויך צו דער געלעגנהייט אַרויסגעגעבן אַ פּלאַטע פון די געזונגענע דורך דעם כאָר לידער (געניוער זע ווייטער).

צוגעפאַסט פאַר פאַרשידענע אונטערנעמונגען פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער און אויך פאַר פריוואַטע שמחות. אַ גרויסע קיך דערמעגלעכט צו באַדינען די געסט. די זאַלן זענען אויך פּאַסיק פאַר כל־המינים קונסט־אויס־שטעלונגען.

פאַרן אַריינגאַנג צו די זאַלן געפינט זיך אַ יזכור־וואַנט מיט זעקס בראָנ־זענע ליכט און זעקס קונסט־פענצטער מיט די געהעריקע אויפשריפטן. די יזכור־וואַנט איז אַ פּאַסיקער מאָנומענט צום אָנדענק פון אונדזערע קדושים פון לעצטן חורבן.

דער צענטער פאַרמאָגט נאָך אַ ריי קלוב-צימערן צו פירן אַ יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און קונסט־טעטיקייט. דער בנין איז געבויט געוואָרן דורך דעם אַרכיטעקט ר. ראָש, וועלכער האָט געלייגט אַכט אויף יעדן דעטאַל כדי צו מאַכן אים וואָס שענער און באַקוועמער. ער איז אויך באַצירט געוואָרן מיט די קונסט־ווערק פון דעם סקולפּטאָר קאַרל דולדיג, וועלכער האָט גע־מאַכט אַ גרויסן טעראַקאָטאַ־רעליעף אויפן פראָנט פון דער געביידע און די זעקס קונסט־פענצטער פאַר דער יזכור־וואַנט. ער האָט אויך אַריינגעשטעלט צוויי גרויסע קונסט־פענצטער פון קאָלירטן גלאָז איז דעם הויפּט־זאַל פון דער געביידע.

דער צענטער וועט דינען ווי אַ צוזאַמענטרעף־פּונקט פאַר יידישע פאָלקסטימלעכע עלעמענטן אין אונדזער ישוב. עס זענען שוין געמאַכט געוואָרן אַראַנזשירונגען פאַר דער טעטיקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין דעם צענטער.

דער קאָמיטעט האָפט צוציען צו דעם צענטער יידישע יוגנטלעכע און יונגע מענטשן, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין יידישע קונסט־ און קולטור־פּראָבלעמען. צוויי יידישע יוגנט-גרופּעס זענען שוין טעטיק אין דער „קדי־מה". די „דזשודייען פּלייערס" האָבן דעם פאַרגאַנגענעם יאָר געשטעלט אין „קדימה"-טעאַטער אַ פּיעסע און די „סרט" פילם־געזעלשאַפט האָט גע־וויזן אַ ריי פילמען. די „דזשודעיען פּלייערס" האָבן בדעה צו ווערן אַ זעלבס־שטענדיקע סעקציע ביי דער „קדימה".

צו גלייך מיט בויען די נייע געביידע, איז די „קדימה" אָנגעגאַנגען אין משך פון באַריכט־יאָר מיט איר קולטור־טעטיקייט, וואָס האָט אַרומגענומען רעפעראַטן, אַקאַדעמיעס, פילם־אָוונטן, קאָנצערטן א.א.וו. באַזונדערס דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן דער ציקל רעפעראַטן פון דעם גאַסט־רעדנער מרדכי צאַנין פון ישראל. אין זיינע רעפעראַטן האָט ער באַרירט די עיקרדיקע יידישע קולטור־פּראָבלעמען פון אונדזער צייט. ער האָט פאַר דער קורצער צייט, וואָס ער האָט דאָ געוויילט, זיך דערוואָרבן פיל חסידים. צום ערשטן מאָל האָט די „קדימה" געמאַכט מיט פריינד צאַנין אַ פּרווו איינצואָרדענען סיסטעמאַטישע רעפעראַטן אין מיטן דער וואָך אויסער די זונטיקן. דער פּרווו איז געווען געלונגען. יעדעס מאָל זענען אין מיטן דער וואָך געקומען קרוב צו 100 צוהערער, צייטנווייז נאָך מער. אין די זונטיקן איז דער באַזוך געווען שטענדיק העכער פון 200 מענטשן.
זיין בקיאות אין דער יידישער ליטעראַטור און געשיכטע, זיין פאָלקס־

# באַריכט פֿאַרן 61־טן טעטיקייט־יאָר

חשובע פֿריינד, מיטגלידער פֿון דער „קדימה",

מיר האָבן דער כבוד איבערצוגעבן אייך דעם באַריכט פֿאַרן איין־און־זעכציקסטן טעטיטקייט־יאָר פֿון יידישן קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק „קדימה".

דאָס פֿאַרגאַנגענע יאָר איז געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון 60-יאָריקן „קדימה"־יובל. אין שייכות מיט דעם זענען פֿאָרגעקומען צוויי פֿייערונגען. די ערשטע פֿייערונג איז געווען די דערעפֿענונג פֿון יובל־יאָר, דעם 8־טן אַפּריל מיט דער באַטייליקונג פֿון דעם גאַסט־רעדנער, רעדאַקטאָר מרדכי צאַנין פֿון ישראל. די צווייטע פֿייערונג איז געווען ביים סוף פֿון יאָר ווען עס איז אָפֿיציעל געעפֿנט געוואָרן די נייע „קדימה"־געביידע.

די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם קאָמיטעט אין דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר איז געווען געווענדעט הויפּטזעכלעך אויף אויסצובויען די נייע געביידע אין סעלווין סט., עלסטערנוויק. די געביידע האָט מען אָנגעהויבן צו בויען אין נאָוועמבער 1971. דעם 27־טן פֿעברואַר 1972 איז פֿאָרגעקומען די פֿייערלעכע אַנטהילונג דורך דעם פּרעזידענט פֿון „קדימה" פּר׳ סענדער בורשטין פֿון דעם טאָוול, וואָס ווידמעט די געביידע צום אָנדענק פֿון די זעקס מיליאָן קדור־שים, אומגעבראַכטע דורך די נאַציס און זייערע מיטהעלפֿער אין די יאָרן 1939־1945. צו דער אַנטהילונג איז געקומען אַ גרויסער עולם און פֿאַר־שטייער פֿון אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַלטן צו דער געלעגנהייט וואַרעמע באַ־גריסונגען.

נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען איז די געביידע אויסגעבויט געוואָרן און דעם 18־טן נאָוועמבער 1972 איז פֿאָרגעקומען דער פֿייערלעכער חנוכת הבית ביי דער אָנוועזנהייט פֿון עטלעכע הונדערט מיטגלידער און געסט. ס׳זענען אָנגעקומען פֿיל באַגריסונגען פֿון אויסלאַנד און סידנעי און עס זענען גע־האַלטן געוואָרן באַגריסונג־רעדעס פֿון פֿאָרשטייער פֿון לאָקאַלע אָרגאַניזאַ-ציעס (פּרטים זע ווייטער).

דער קאָמיטעט נוצט אויס די געלעגנהייט צו אַנטשולדיקן זיך פֿאַר די מיטגלידער, וועמענס נעמען זענען צוליב אַ פֿאַרזען אַרויסגעפֿאַלן ביים שיקן די איינלאַדונגען צו דער דערעפֿענונג פֿון דער נייער געביידע. דער קאָמיטעט פֿאַרזיכערט, אַז קיין שום שלעכטע כוונות זענען דערביי נישט געווען.

אויף דעם חנוכת הבית איז דער הויפּט־זאַל אין דער נייער געביידע אָנגערופֿן געוואָרן א.ג. פֿון לעאָ פּינק ע״ה, וועלכער האָט געגעבן אַ גרויסן צושטייער פֿאַר היגן ישוב און באַזונדערס פֿאַר דער „קדימה". דאָס אָנרופֿן דעם זאַל אויפֿן נאָמען פֿון אָט דעם פֿאַרדינסטפֿולן קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן טוער איז פֿאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פֿון דער אלמנה, פֿרוי מינאַ פּינק, און פֿון דער משפּחה.

אויף דעם אָוונט איז געזאַמלט געוואָרן אַ גרעסערע סומע געלט אויף צו דעקן די חובות פֿון בויען די געביידע. די נייע געביידע, וואָס דאַרף דינען ווי אַ יידישער קונסט־ און קולטור־צענטער, פֿאַרמאָגט 2 זאַלן מיט קלאַנג און ליכט עפֿעקטן, ווי אויך צענטראַלע באַהייצונג און קילונג. די זאַלן זענען

## יידישער קולטור־צענטער
## און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
## אין מעלבורן

אַמטן אין יאָר 1972 :

### עקזעקוטיוו:

מר. ס. בורשטין — פרעזידענט.

מר. י. שער — וויצע־פרעזידענט.

מר. צ. באָרענשטיין — וויצע־פרעזידענט.

מר. ב. ווייסמאַן — ערן־קאַסירער.

מרס. א. באַכראַך — געהילף פון ערן-קאַסירער.

מר. ש. גאָלדשטיין — ערן־סעקרעטאַר.

מר. י. ווינקלער — געהילף פון ערן־סקרעטאַר.

מר. י. אָרבאַך — פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע.

### קאָמיטעט:

| | |
|---|---|
| מר. מ. אייזענבוד | מר. ש. טיגעל |
| מר. ה. בראַון | מר. וו. יאַבלאָנסקי |
| מרס. ר. בוט | מרס. ר. לעוויטאַ |
| מרס. ל. גאָטליב | מר. י. לעווין |
| מר. ש. וואָלסקי | מר. ה. מיד |
| מר. ב. ווינער | מרס. ה. ראָזענבוים |

ערן־אַדוואָקאַט — מר. י. אָקנאָ, לל.ב.

סעקרעטאַר — מר. ל. פרידמאַן

ביבליאָטעקאַר — מר. י. קעסלער



דער פרעזידיום־טיש אויף דער פייערונג 60 יאָר „קדימה" און חנוכת־הבית פון דער נייער „קדימה"־געביידע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 18-טן נאָוועמבער 1972. פון רעכטס צו לינקס: ב. וויסמאַן, י. אָרבאַך, פרוי ר. בריליאַנט, י. בריליאַנט, י. אָקנאָ, וו. ליפּמאַן, פרוי מ. פינק, ס. בורשטין (רעדט), ב. פּאַטקין, ל. פרידמאַן, פרוי אַ. באַכראַך, י. שער און ש. גאָלדשטיין

Head table at the Celebration of Kadimah's 60th Anniversary and opening of the new Kadimah building on 18th November 1972. From left to right: Messrs.: S. Goldstein, J. Sher, Mrs. H. Bachrach, L. Freedman, B. Patkin, S. Burstin (speaks), Mrs. M. Fink, W. Lippmann, J. Okno, Mrs. S. Brilliant, J. Orbach, B. Wajsman

געגרינדעט דעם 26־טן דעצעמבער, 1911.

# יידישער קולטור־צענטער
# און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק
# „קדימה"

9 גאָרדאָן סטריט, עלסטערנוויק
7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק

## 61-טער טעטיקייט-באַריכט

פאַרן יאָר 1972

און

## קאַסע-באַריכט

פאַר דער צייט

פון 1־טן סעפּטעמבער 1971 ביזן 31־טן אויגוסט 1972

מעלבורן 1973 פעברואַר